# די לעצטע, די שארית הפליטה פון פארצייטישען דור.

## (אויפ'ן קבר פון א תלמיד חכם און עהרליכער יוד.)

די יאהרען שטעהען נישט, דער מענש וואקסט זיך אויס און צוזאמען מיט דעם געהען די געראנקען פון מענש גאנץ אפט אוועק און אנדערע וועגען. ס'בלייבען אבער די ערינערונגען פון די קינדער-יאהרען. גאר בעזונדערס קריצען זיי זיך איין בנוגע א מענש, וואס לאזט איבער א רושם. אזעלכער געדענקט זיך לאנג און מען דערמאנט איהם שטענדיג צום גוטען.

אזא מענש איז געווען דער נישט לאנג פערשטארבענער ראדאמער ראש ישיבה ר' מאיר רובין, אדער ווי מען האט איהם גערופען ר' מאיר לאשיצער.

דאס איז געווען א מענש מיט א רייכע תלמודישע ערודיציע. א פשוטער יוד אבער א גרויסער למדן מיט א שארפען מוח. שטענדיג א פערטיפטער, אבער קיינמאהל נישט דער זיך גרויס - האלטענדיגער.

מיר זענען געווען א סך תלמידים, וואס האבען ארויסגעוויזען צו איהם גרויס יראת הכבוד. מיר האבען אפט אפסערווירט זיין התנהגות און בעוואונדערט עהרליכקייט און תמימות.

ר' מאיר רובין האט געלערענט תורה לשמה און מתוך דחקות. דער מענש האט א סך מאהל נישט דערעסען און נישט דערטרינקען. פאר דעם געלד בעסער געקויפט ספעציעל געביגרענע ביכער צו שרייבען חיבורים אויף דער תורה. דאס געלד בעסער פערנוצט צום קויפען פערשידענע פאסט-מארקען צו שיקען שאלות ותשובות צו פערשידענע רבנים און גאונים. ער איז געווען שטרענג רעליגעז, אבער נישט ווילד פרום. אין הלכה איז ער געווען אקנאי. ביי דין תורה'ס, ווען ער איז ארויסגעטרעטען אלס בורר האט ער שטענדיג זיך געשטעלט אויף דעם ריינעם דין און מיט דעם גרעסטען אייפער פערטיידיגט די בעוולה'טע, נישט גערעכענט זיך מיט מעגליכע אונאנגענעהמליכקייטען. ווען ס'איז געווען נויטיג האט ער זיין שארף ווארט ארויסגעזאגט. אין א געוויסען פאל ביי א היגען דיין האט ער בעת א דין-תורה, נישט איבערעכענדיג פאר מעגליכע קאנסעקווענצען, פערלאזט דאס בית-דין שטוב און פערהאקענדיג אונטער זיך די טהיר האט ער מיט ווייטאג זיך פונאנדערגעשריגען וועגען עיוות הדין.

אזא נאטור איז געווען ר' מאיר לאשיצער. דער זעהר מעסיגער האט נישט געקאנט בלייבען דער זעלבער ווען ער האט געזעהען עפעס נישט גלייכס וואס איז געווען קעגען דעם דין.

געקומען קיין ראדאם אין יאהר 1191 האט ער איבערגענומען די לייטונג און דער ישיבה, וועלכע איז געגרינדעט געווארען דורכען זוהן פון לוקאווער רבי'ן ר' אברהם מאיר מארגענשטערן (ראמאלס געוואינט אין ראדאם.) צו יעגער צייט איז די ישיבה געווען זעהר פאפולער אין ראדאם. עס האבען אין איהר געלערנט א סאך תלמידים, וועלכע זענען היינט אנגעזעהענע בעלי-הוראות.

גאנצע נעכט האט מען שטענדיק געטראפען ר' מאיר רובין ז"ל אין קהלס בית-המדרש זיצען איבער ספרים און געשריבען שאלות ותשובות, אדער ספעציעל געשריבען זיין חיבור „בית מאיר" „תורת-גומר" „עצי-גומר" א. א. (זיי זענען נישט געווארען געדריקט צוליב מאטעריעלע טעמים) זיין מוח-פערטיפונג איז געוועזען אויף אזויפיל, אז ס'האט געטראפען אמאל, אז מהאט איהם געהאט אויפגערופען צום כפר האט ער עולה געוועזען, געמאכט די ברכה און באלד אראבגעגאנגען פון בלעמער, אוועקזעצענדיק זיך אזוי אין טלית ביי א ספר און ווייטער געלערנט.

אין שפיץ פון דער ישיבה איז ער געשטאנען א לאנגע צייט. לערנען איז פאר איהם קיינמאהל נישט געווען קיין קרדום לחפור בה. דאס איז געווען זיין לעבען און פארדעם האבען די אלע וועלכע האבען בעגערט צו הערען זיינס א ווארט, איהם ליב געהאט.

נאך דער מלחמה ווען די עגונות פראגע איז געווען איינע פון די אנגעווייטאגסטע אין יודישען לעבען האט ר' מאיר רובין געארבעט זעהר א סך וועגען דער פראגע און געשריבען שאלות ותשובות צו די גרעסטע רבנישע אויטאריטעטען, אין וועלכע ער האט זיך בעמיהט, אז מ'זאל דער יודישער עגונה מקיל זיין. דער פראגע האט ער זיך אבגעגעבען מיט לייב און לעבען. דאס איז א שטריך פון דעם מעסיגען און גוטען מענש, וועלכער האט געזוכט ארויסצוגעפינען א פערלייכטערונג אין די ראמען פון דין.

אין פריוואטען לעבען איז ער געווען זעהר בעשיידען, געווען א מסתפק במיעט, שטענדיג געלעבט מיגיע כפו. די קינדער געמאכט פאר בעלי מלאכות. ער האט זיך דערמיט נישט געשעהמט ווייל ער האט בעסער דאס געוואלט, ווי לעבען פון געשענקט'ס. אין די ערגסטע פאר איהם מאטעריעלע צייטען אפילו האט ער נישט געוואלט הערען דעם פערלאנג פון זיין משפחה צו ווערן רב אין א שטעדטעל. ער האט דאס ניט געוואלט. ער האט געפיהלט אז צופיעל אחריות וואלט ער אין אזא פאל אויף זיך גענומען, זיין בענעהר איז געווען שטענדיג צו טרעפען זיך אין א גרעסערען קרייז, וואו מ'האט גערעדט וועגען לערנען. ער האט זיך בעמיהט נישט נעמען אויף זיך דעם עול וואס ס'ווערט ארויפגעלייגט צוזאמען מיט דעם אצטלא דרבנן. אבער ער האט זיך געמוזט אונטערגעבען. ער איז געווארען עלטער; די מאטעריעלע לאגע פון די קינדער זיינע וועלכע האבען איהם געשטיצט איז געווארען א שלעכטע. ער האט געמוזט נאכקומען דעם ווילען פון דער משפחה זיינער און איבערנעמען דאס רבנות אין יאהר 1926 אין דעם שטעדטעלע סאסנאוויצע-פארלאסקא, וועלכעס ציילט קארגע הונדערט פאמיליעס.

נאך זיבען יאהר זיצען אויף א כסא רבנות איז ער געשטארבען פאריגען חודש אין עלטער פון 69 יאהר.

געשטארבען איז א זעלטענער שעהנער טיפ, א קרישטאל ריינע נאטור, א הארציגער מענש.

חבל על דאבדין!

ל. פישמאן.